בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג

ת.ד 102 בני ברק | פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


# וכל מאמינים


א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת לך לך תשפ"ה שנה י | גליון מס' 555


## פניני אמונים

### פנינים בעניני תפילה פון די וואכעדיגע פרשה

### אלע ברכות אין די וועלט איז בזכות ארץ ישראל

**" וַיֹּאמֶר ה' אֶל אַבְרָם לֶךְ לְךָ מֵאַרְצְךָ וּמִמּוֹלַדְתְּךָ וּמִבֵּית אָבִיךָ אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר אַרְאֶךָּ; וְאֶעֶשְׂךָ לְגוֹי גָּדוֹל וַאֲבָרֶכְךָ וַאֲגַדְּלָה שְׁמֶךָ וֶהְיֵה בְּרָכָה"** (יב א-ב)

צווישן די זיבן ברכות וואס מען זאגט ביי שמחת חתן וכלה איז דא איין ברכה וואס איז מיוחד צו בניין ירושלים - די ברכה פון - "משמח ציון בבניה".

לכאורה וואספארא שייכות האט עס אהער צו שמחת חתן וכלה? האט דער קאגיזלאווער רב רבי אריה צבי פרומער געגעבן צו פארשטיין מיט א יסוד וואס מען לערנט ארויס דא אין פסוק.

די סיבה פארוואס מען זאגט עס איז מבטל צו זיין די קללה וואס רוט אויף די חתן וכלה. ביי די חטא פון אדם הראשון איז אראפ א קללה און מיט די ברכה איז מען מבטל פון די אידן.

די בחינה איז מרומז דא די תורה, די כח הברכה האט כלל ישראל באקומען פון די ברכה "וֶהְיֵה בְּרָכָה" וועלכע אברהם אבינו איז געבענטשט געווארן און ווי רש"י זאגט דא: "הברכות נתונות בידך".

נאר רש"י זאגט דא אז די ברכה פון "ואעשך לגוי גדול" איז געבינדן מיט דער "לך לך מארצך... אל הארץ אשר אראך" און דאס איז א לימוד פאר אונז אז אלע ברכות וואס מען זאגט דא וועלן קומען מיט'ן תנאי אז מען איז געבינדן קיין ארץ ישראל.

וועגן דעם האט מען מתקן געווען די ברכה פון 'בונה ירושלים' אז אויך די וואס וואוינען אין אויסלאנד זאלן קענען זוכה זיין צו די ברכה, ווייל די ברכה דערוועקט ביי דעם מענטש בענקעניש קיין ארץ ישראל און פון די בעקעניש וועט מקויים ווערן די ברכה פון: "משמח ציון בבניה".

'ארץ צבי' ח"ב דרושים דרוש ו אות ט

### צוויי ברכות אויף "לחם ויין"

**"וּמַלְכִּי-צֶדֶק מֶלֶךְ שָׁלֵם הוֹצִיא לֶחֶם וָיָיִן וְהוּא כֹהֵן לְאֵל עֶלְיוֹן"** (יד יח)

פארוואס האט מלכי צדק ארויסגעברענגט דווקא "לחם ויין"? דער גאון רבי שמואל אן אייניקל פון דער סמ"ע געט צו פארשטיין אז מיר ווייסן דאך אז אין שלחן ערוך ווערט גע'פסק'נט (או"ח סי' קעו-קעז) אז די ברכה פון ברויט פטר'ט די עסן פון די סעודה אויסער ויין און ווייל דא האט מען צוגענומען די כהונה פון מלכי צדק און עס געגעבן פאר אברהם (נדרים לב ב) קומט אויס אז מדין די מצווה פון "וקדשתו" (ויקרא כה ח) דארף מען אים מכבד זיין צו מאכן די ערשטע א ברכה ביי די סעודה (גיטין נט ב) און וועגן דעם האט מען דערלאנגט פאר אים אויך ברויט און אויך וויין און מכבד געווען אז ער זאל זיין די ערשטע צו מאכן די צוויי ברכות סיי אויף די ברויט און סיי אויף די וויין.

'דרוש שמואל'

## פתחו שערים

### די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### א ברכה כהלכה מאכט א מהפכה אויף די וועלט

די וועלט איז שוין געשטאנען פאר כמעט צוויי טויזנט יאר איידער אברהם אבינו איז נתגלה געווארן. ווען ער איז אראפגעקומען אויף די וועלט איז נתגלה געווארן א פרישע אור אויף די וועלט, ווי די וועלט וואלט זיך אנגעהויבן נאך אמאל.

אברהם אבינו איז דער שפיץ פון כלל ישראל, די שפיץ פון די אמונה, דער ראש המאמינים ביי כלל ישראל.

ווי אזוי האט אברהם אבינו מפרסם געווען די אמונה פון הקב"ה איבער די וועלט? די הייליגע חכמים אין די גמרא [סוטה י. א] דערציילן אונז איבער די וועגן ווי אזוי אברהם אבינו האט געלערנט מיט זיין דור די געדאנק פון אמונה.

חז"ל דערציילן אז אברהם אבינו האט אויפגעשטעלט א געצעלט און אין דעם געצעלט האט ער אריינגערופן די דורכגייער און זיי געגעבן צו עסן און צו טרינקען. נאך דעם וואס זיי האבן געגעסן האט ער געבעטן פון זיי אז זיי זאלן אים לויבן. ווען זיי האבן אים אנגעהויבן לויבן האט ער זיי אפגעשטעלט פרעגנדיג די שאלה - צי האט איר געגעסן מיינע עסן? אלעס וואס איך האב אייך געגעבן קומט פון הקב"ה - איר דארפט אים לויבן און אזוי ארום איז די אמונה פארשפרייט געווארן איבער די וועלט.

יעדער פון אונז איז געוואקסן אויף די ערציילונג אבער נישט יעדער פון אונז לייגט צו קאפ צו וואס עס שטייט דא. אין די ווערטער פון חז"ל באהאלטן זיך א שטארקער דערהער, די כח פון א ברכה

וואס האט אברהם אבינו געבעטן פון זיי? ער האט זיי געבעטן צו מאכן א ברכה, די כח פון א ברכה האט ער זיי געטוישט, ער האט גענומען עכטע גוים און זיי איבערגעדריידט צו מאמינים, אז זיי זאלן אנהייבן גלייבן אז עס איז דא בורא צו די וועלט.

עס ליגט דא נאך א דערהער. מיר רופן אן אברהם אבינו דער עמוד החסד. מען רעדט פון דער חסד אז ער האט געגעבן צו עסן פאר אידן אבער ווען מען איז זיך מתבונן וועט מען זען אז א גרעסערע חסד האט ער געטון מיט'ן אויסשפרייטן די אמונה ביי די גוים, ווייל אז מען געט עסן זעטיגט מען דעם גוף, אז מען געט אמונה טוט מען א נצחיות'דיגע טובה פאר א מענטש.

צו דעם האט דער פסוק אינזינען געהאט אין (בראשית כא לג) מיט דער פסוק: "ויטע אשל בבאר שבע ויקרא שם בשם ה' א-ל עולם".

אין די גמרא שטייט (סוטה י ב) אז ריש לקיש האט גע'דרשנ'ט אויף די גמרא: "אל תקרי 'ויקרא' אלא 'ויקריא'"; אז די מטרה פון איינפלאנצן די אשל איז געווען איינצופלאנצן אמונה אין א איד - אים אויסצולערנען צו דאנקען און צו לויבן הקב"ה.

עס קען זיין אז פון דא איז דער מקור צו די באקאנטע מימרא בשם צדיקים אז נישט דער עסן איז גורם די ברכה - אז די ברכה איז גורם די אכילה - ווייל די מטרה פון עסן איז די ברכה וואס מען זאגט אויף איר ווייל ווי געזאגט האט אברהם אבינו מקדיש געווען זיין לעבן צו ברענגען אמונה אין די וועלט און דאס האט ער געטון מיט'ן געבן צו עסן פאר מענטשן.

מיר ווייסן אז "מעשה אבות סימן לבנים". אויך אונז - די קינדער פון אברהם אבינו וועלן טון די זעלבע זאך. אויך מיר וועלן קורא זיין דער שם ה' בפי הבריות, אויך אונז וועלן גורם זיין פאר אנדערע צו זאגן א ברכה ווי אזוי עס דארף צו זיין און זוכה זיין צו די ברכה פון הקב"ה.

**מיט א קריאה און הקראה**
**[פארלייענען] פון**
**"בשם ה' א-ל עולם"!**

**שבת שלום,**

יעקב דוד מארמארשטיין

# דע לפני מי אתה

א בוזשעווענדער קעלט האט זיך געשפירט אין די רוסישער לאנד יענער נאכט. די רוסישע פרעסטן זענען ברייט באקאנט אבער דאס האלט נישט אפ פון די רוסישע מיליטער אנצוגיין מיט איר אימפעט. נאך

די שטראף פאר די עולה וואס ער איז באגאנגען איז געווען א זיכערע טויט, די עדות האבן געשילדערט זיינע זינד און די גורל איז געווען א גע'חתמ'טער. אין די סאמע לעצטע מינוט האט די געריכט אים געגעבן די רעכט צו זאגן עפעס.

פון קליינוויז אן וועט מען איינגעוואוינען יעדער סאלדאט צו שטיין לאנגע שעה'ן אויף די רוסישע קעלט און זיך פארמעסטן מיט דעם אנגרייטנדיג אים צו די לאנגע יאר'ן פון מיליטערישע דינסט.

אויך יענער נאכט זענען די סאלדאטן געשטאנען אויף זייערע פאזיציע ווארטנדיג אומגעדולדיג אז די זון זאל אויפשיינען אז זיי זאלן קענען טוישן זייער פאזיציע.

די נעכט זענען שטילע, פון צייט צו צייט וועט זיך הערן פוסטריט פון די אפיצירן - זיי וועלן פארשטערן די שטילקייט פאר א קורצע ווילע ביז ווען עס וועט זיך צוריקקערן צו איר פריערדיגער שטילקייט.

דינע צייכענעס פון א זון אויפגאנג דערקענען זיך, א צייכן אז די זון האט שוין אנגעהויבן ארויסגעבן אירע שטראלן - די צייט ווען די אפיצירן וועלן פאדערן פון די סאלדאטן דיספיצילין און אז זיי זאלן זיך שטעלן צו די מיליטערישע דינסט.

בלויז פון איין צעל הערט זיך א גערודער, דער מסירות נפש איד רבי יוסף קדיש קרישעבסקי וועלכע איז יעצט אין די מיליטערישע דינסט געצווינגענערהייט נוצט אויס די שטילקייט און שטעלט זיך דאווענען שחרית, נאך איידער די טאג וועט אריינגיין אין איר שוואונג.

מיט די טלית און תפילין טוט ער זיך אן און הייבט אן צו דאווענען מיט זיי, מיט אן אויסטערלישע נעימות, מיט א שטייטקייט זאגט ער ארויס די ווערטער פון מויל.

א לענגערע צייט פארציט זיך די סצענע, פארטיפט אין דער דאווענען באמערקט ער נישט ווי דער אפיציר קומט צוגיין און פאדערט פון די מיליטערלייט אנצוהייבן די טאג.

'דוברוייה אוטרו!' ( א גוט מארגן ) זאגט אים דער גענעראל אבער ער הערט נישט, ער איז פארטיפט אין דעם דאווענען.



די טורמע געביידע אין לעפארטו מאסקעווע

א גערעגטקייט כאפט אן דער אפיציר. רבי יוסף קדיש האלט אינמיטן שמונה עשרה. נאר נאך דעם וואס ער טרעט אויס טרעפט ער פאר זיך דעם רוסישן אפיציר גערעגט.

מיט א כעס כאפט דער רוסישער אפיציר זיינע תפילין און שליידערט עס אוועק אויף די ערד.

רבי יוסף פארלירט זיך, מיט א שטארקקייט בייגט ער זיך אראפ צו די ערד און הייבט אויף די תפילין.

דער אפיציר זעט עס און זיין כעס וואקסט. אויפ'ן ארט געט ער ארויס א באפעל פאר די ארומיגע סאלדאטן אז מען זאל אים נעמען און איינשפארן אין א טורמע וואו ער וועט געשטעלט ווערן פאר א געריכט.

"דו האסט מזלזל געווען אין די רוסישע מיליטער - דיין שטראף איז טויט!".

רבי יוסף בלייבט רואיג, ער זיצט אין דעם קליינער צעל ווארטנדיג וואס וועט זיין דער שיקזאל.

אין די ענגע צעל נוצט ער אויס די צייט צו זאגן תהלים און זיך שטארקן אין די אמונה זיך גרייטנדיג צו שיידן פון די וועלט. אויך ווען מען שלאגט אים פאר א פארטיידיגונג וויל ער עס נישט, ער איז זיכער אז דער רבוש"ע וועט אים מציל זיין פון די צרה.

•

ווען ער איז געשטעלט געווארן פאר'ן ריכטער האבן אלע געשפעט פון אים. נישט נאר האט ער פארלעצט די געזעץ נאר ער וויל נישט נעמען קיין שום פארטיידיגונג פון אנדערע.

די שטראף פאר די עולה וואס ער איז באגאנגען איז געווען א זיכערע טויט, די עדות האבן געשילדערט זיינע זינד און די גורל איז געווען א גע'חתמ'טער. אין די סאמע לעצטע מינוט האט די געריכט אים געגעבן די רעכט צו זאגן עפעס.

מיט א שלות הנפש האט ער זיך אויפגעשטעלט און אנגעהויבן צו רעדן.

"ווען מען האט מיר מאבליזירט צו די רוסישע מיליטער האט מען מיר געבעטן אז איך זאל שווערן ביי די זאך וואס איז ביי מיר די טייערסטע זאך אין די וועלט. דאן האב איך מיינע תפילין און געשוואוירן מיט איר. ביי אונז אידן איז דער עובר זיין אויף א שבועה זייער א הארבע זאך. צי קען עס דען זיין אז אזא מענטש ווי איך זאל עובר זיין אויף די שבועה? עס קען נישט זיין, אז איך האב געשוואוירן געטרייעשאפט צו די צאר קען איך עס נישט צושטערן?".

א שטילע גערויש האט זיך געהערט אין זאל ווען רבי יוסף איז ממשיך.

"ווען דער אפיציר האט אראפגעווארפן מיין תפילין אויף די ערד האט ער מיט דעם פארשעמט דער צאר, ער האט גענומען די חפץ מיט וואס איך האב געשוואוירן געטרייעשאפט צום צאר און עס פארשוועכט".

זיינע ווערטער האבן געמאכט א שטארקע איינדרוק אויף די ריכטער. זיי זענען ארויס אויף באראטונג און א שטיק צייט זענען זיי צוריקגעקומען געבנדיג גערעכט פאר רבי יוסף.

"די געריכט אורטיילט אז ער איז פריי און דער אפיציר דארף צו באקומען א שטראף".

נאר מיט די כח פון תפילה האט ער אויסגע'פועל'ט זיין גזר דין.

'יוסף קדישא' פרק טו

**הרב שלום לאנדסבערג שליט"א**
קהל חסידי ירושלים - בית שמש

מיט געהויבענע געפילן האבן מיר זיך אראפגעזעצט אויף א שמועס מיט דער עלט'סטער איד וועלכע טראגט ווארשיינליך דער טיטול דער 'עלט'סטער אמן גבאי' אין אונזער דור.

דער חשובער איד איז הרב ר' שלום לאנדסבערג שליט"א. מען רעדט דא פון א פראצייטישער איד וועלכע פירט זיך שוין אזוי לאנגע יארן נאך אסאך איידער די היינטיגע מהפכה פון גבאי 'אמן' איז באקאנט געווארן איבער די וועלט.

אלץ א שטענדיגער מתפלל פון די צאנזער שול אין די שול פון קרית צאנז אין ירושלים עיה"ק און לעצטענס אין די שטאט בית שמש איז ער ברייט באקאנט מיט זיין מנהג ארומגייענדיג פון איינער צום אנדערן און כאפט אריין נאך אן אמן און נאך אן אמן.

### מיר הייבן אן דער שמועס מיט אים און ערשט ווילן מיר הערן וויפיל יאר ער פירט זיך שוין בלי עין הרע?

דער אמת איז אז עס איז אביסל שווער צו געדענקען א גענויע דאטום. איך קען י' זאגן אז דער מנהג האלט שוין אן מער ווי פופציג יאר. אין די אלע יארן האב איך זיך אזוי געפירט. נישט אלעמאל איז עס געגאנגען אונטער די טיטול 'דער אמן גבאי'. עס איז נישט געווען אייביג אזוי אפעפיציעל אבער אלע יארן איז מען געקומען זאגן ברכות און מיר האבן געענטפערט אמן.

אז מען זוכט די הויפט תקופה ווען איך האב געדינט אלץ 'אמן' גבאי איז עס געווען אין די יארן ווען איך האב געוואוינט אין ירושלים, אין די קרית צאנז געגענט. אויך היינט נאך דעם וואס איך בין אריבער צו וואוינען אין די שטאט בית שמש בין איך זוכה ממשיך צו זיין מיט די עבודת הק'.

אין בית שמש דאווען איך אינדערוואכן אין די שול פון 'קהל חסידי ירושלים' און דארט קומט מען מיר זאגן אמן. דאס גיין איז מיר שווער און ביי די שבתים איז דא א מנין אין שטוב. אויך ביי די מנין קומען צוגיין אלע אייניקלעך און מען זאגט 'אמן' פאר'ן זיידן און כ'טייל זיי אויס א גוטער זאך.

### וואס ברענגט אייך צו זיין אזוי צוגעבינדן צו די מצוה?

איך בין א תלמיד פון די חברונ'ער ישיבה. אין מיינע יארן ווען איך האב געלערנט אין ישיבה האט דער גאון וצדיק רבי אהרן כהן זצ"ל געדינט אלץ ראש הישיבה. איך בין געווען זייער צוגעבינדן צו אים.

אמאל האב איך אים באגלייט צום כותל המערבי. עס איז געווען נאך איידער די מדינה האט זיך אויפגעשטעלט. זייענדיג דארט האט מיין רבי זיך באגעגנט מיט דער בעל שומרי אמונים האדמו"ר רבי אהרן ראטה זצ"ל. צווישן די צוויי צדיקים איז געווארן א שטארקער קשר.

איך, זעענדיג אז דער רבי' שעצט אזוי שטארק רבי אהרן ראטה האב איך אנגעהויבן לערנען זיין ספר 'שומרי אמונים'. אין דעם ספר ווידמעט ער זייער אסאך איבער די גרויסקייט פון אמן און איבער איזינען האבן ביי אמן.

זעענדיג דארט די גרויסקייט האב איך זיך שטארק באהאפטן צו די מצוה און פון דאן בין איך עס מקיים מיט א מורא'דיגע שטארקקייט.

איך האב אנגעהויבן בעטנדיג פון אידן אז זיי זאל קומען צו מיר און זאגן די ברכה'ס.




איך האב געהאפט אז עס וועט קומען א טאג ווען די זאך וועט ווערן מסודר און ברוך ה' אז היינט בין איך זוכה דערצו. טאג טעגליך וועלן צוקומען צו מיר און זאגן די ברכות פאר מיר.

### דערציילט אונז טאקע ווי אזוי איז עס געווארן מסודר מיט א סדר?

ווען איך האב אנגעהויבן מיט מיין סדר האט זיך ארויסגעשטעלט אז איך בין נישט דער איינציגסטער וואס וויל זאגן אמן מיט אנדערע. אויסער מיר איז געווען נאך אידן וואס האבן זעענדיג מיין התנהגות אנגעהויבן טון די זעלבע זאך.

אין די רגע אז עס איז געווען נאך וואס האבן זיך געפירט אזוי איז עס געווארן אן אפיציעלער זאך און עס האט אנגעהויבן אריינגיין אין שוואונג.

מיט די יארן ווען דער 'בני אמונים' באוועגונג האט זיך געגרינדעט האב איך באקומען א טאוולע פון די 'בני אמונים' באוועגונג. די מעלה פון די טאוולע איז אז אויך ווען איך קום אן צו ערטער וואו מען קען מיר נישט לייג איך ארויס די טאוולע און אידן ווייסן אז זיי קענען צוקומען צו מיר און מאכן די ברכות.

ווען איך בין אריבער צו די שטאט בית שמש האב איך אנטדעקט אז אין די שול וואו כ'דאווען דאווענט אויך א איד מיט'ן משפחה נאמען 'זאקס'. דער איד איז אן אייניקל פון דער חפץ חיים. ער האט שוין געהאט די חזקה פון זיין אן אמן גבאי פאר מיר. איך געדענק אז ווען איך האב זיך געזעצט נעבן מיר צום ערשטן מאל האבן מיר באשלאסן אז מיר קענען ארבעטן צוזאמען.

די מעלה פון צוויי גבאים איז אז דער וואס מאכט די ברכות מוז זאגן העכער. עס איז ווי ער געט איבער א שיעור. ווען מען געט איבער א שיעור מוז מען זאגן העכער.

מען דארף אויך זאגן העכער און אזוי ארום פארדינען מיר נאר פון די דאפעלטע גבאות.

### לויט אייער מיינונג וואס איז די סיבה אז אידן זענען מזלזל אין די מצוה?

איך האב נישט קיין הסבר דערצו אבער כ'ווייס י' אדער דער עצם געדאנק אז עס איז דא גבאים פון די 'אמן' איז גורם אז אנדערע אידן זאלן וויסן וועגן דעם און עס מחשיב זיין.

אויך דער איד וואס איז נישט זוכה צו זאגן אמן אדער קומט נישט צו צום גבאי באקומט אבער אן אנדערע בליק אויף דעם. זיין שעצונג צו דער 'אמן' שטייגט אסאך גרעסער.

אויך דאס איז איז א טייל פון דער זכות וואס דער אמן גבאי פארדינט פון דעם.

### וואס איז לויט אייך די בעסטע עצה צו צוברענגען אידן אז זיי זאלן מאכן א ברכה פאר אנדערער און ענטפערן אמן?

איך קען נישט זאגן וואס העלפט ביי אנדערע אבער ביי מיר איז עס דער 'גליון' וואס איר געט ארויס. יעדע וואך לייען איך אדורך דער גליון פון אנהייב ביז צום סוף און כ'דערקוויק זיך מיט דעם. איך גלייב אז די גליון איז איינגעארטיג. ז' איז געשריבן מיט אזא גרינגקייט אז אלע קענען עס פארשטיין. עס רעדט צו אלעמען פון קינדער ביז ניינציג יעריגע ווי איך.

### ווילאנג געדויערט אייך יעדן טאג די אויפגאבע?

איך מיין אז דער אויסדרוק וואס איר נוצט 'געדויערט' איז נישט אקוראט. עס קען אויסזען ווי א לאסט וואס געדויערט צייט און מען דארף עס ענדיגן. איך שפיר נישט אזוי. אין מיינע אויגן איז עס א זכות. עס גייט מיר נישט אן ווי שטייט דער איד זאגט די ברכה און וויפיל צייט עס נעמט. אויסערדעם דאווען איך יעדן טאג ותיקין. איך קום גענוג פרי, אזוי אז איך האב גענוג און נאך צייט צו קענען ענטפערן אמן נאך אלע ברכות.

# רזי אמונים

## רמזים פון די מאה ברכות און פון אמן אין די וואכענדיגע פרשה

### דער 'אמן' איז משפיע טובה פאר'ן כלל ישראל

**"וּמַלְכִּי-צֶדֶק מֶלֶךְ שָׁלֵם הוֹצִיא לֶחֶם וָיָיִן וְהוּא כֹהֵן לְאֵל עֶלְיוֹן"** (יד יח)

דער הייליגער זוה"ק זאגט אין פרשת וילך (רפה ב) אז אין זכות וואס מען ענטפערט אמן מיט כוונה עפענען זיך אויף אויבן די שערי ברכה וטובה און עס גייט אראפ שפע רב פאר אלע עולמות.

דער מגיד מישרים פון באיאן דער מקובל **רבי שלמה אהרן אויערבאך** ברענגט א רמז צו דער געדאנק פון אונזער פרשה. ער ווייזט אן אז די סופי תיבות פון "הוציא לחם ויין" באטרעפט כמנין אמן.

פון דעם איז א ראיה אז אויב מען ענטפערט אמן כהלכה ווערט דורך איר נפשע שפע פאר גאנץ כלל ישראל.

'תפארת שלמה' [לרש"א אויערבאך, טשערנאוויץ - תרנ"א]

### זיבן ברכות קעגן זיבן ברכות

**"וּבָרוּךְ אֵ-ל עֶלְיוֹן אֲשֶׁר מִגֵּן צָרֶיךָ בְּיָדֶךָ וַיִּתֶּן לוֹ מַעֲשֵׂר מִכֹּל"** (יד כ)

**דער בעל הטורים שרייבט** (לעיל פס' יט) אז אויף זיבן ערטער אין די תורה טרעפט מען א לשון פון ברכה כלפי דעם באשעפער. דער בעל הטורים רעכענט אויס די זיבן ערטער, פאלגענד זענען זיי לויט די סדר: א. "בָּרוּךְ ה' אֱלֹקֵי שֵׁם" (לעיל ט כו); ב. אין די פסוק פון די וואכעדיגע פרשה - "וּבָרוּךְ אֵ-ל עֶלְיוֹן"; ג. "בָּרוּךְ ה' אֱלֹקֵי אֲדֹנִי אַבְרָהָם" (להלן כד כז); ד. "וָאֲבָרֵךְ אֶת ה' אֱלֹקֵי אֲדֹנִי אַבְרָהָם" (להלן כד מח); ה. "בָּרוּךְ ה' אֲשֶׁר הִצִּיל אֶתְכֶם" (שמות יח י); ו. "וְאָכַלְתָּ וְשָׂבָעְתָּ וּבֵרַכְתָּ אֶת ה'" (דברים ח י); ז. "וּלְגָד אָמַר בָּרוּךְ מַרְחִיב גָּד" (שם לג כ).

דער בעל הטורים זאגט אז קעגן די זיבן ברכות האבן חז"ל מתקן געווען די זיבן שטילע ברכות וואס מען זאגט שבת און יום טוב. אזוי אויך אויב מען רעכענט צוזאמען אלע ווערטער וואס זענען דא אין די ברכות קומט מען אן צו די הונדערט ווערטער - דאס איז א רמז קעגן די מאה ברכות וואס א איד דארף מאכן יעדן טאג. (מנחות מג ב).

### די ניינציג אמנים זענען משלים פאר צדקה

**"וְהֶאֱמִן בַּה' וַיַּחְשְׁבֶהָ לּוֹ צְדָקָה"** (טו ו)

**האט רבי יעקב יהושע פרומאן פון לאדזש געטייטש:**

עס איז ידוע דער תיקוני זהר חדש' (קלב א) אז אין דיווארט "צדקה" איז מרומז די פיר זאכן וואס א איד דארף צו טון יעדן טאג פאלגענד זענען די זאכן: ענטפערן ניינציג מאל אמן און איז מרומז אין דער אות 'צ', פיר קדושה'ס וועלכע איז מרומז אין די אות 'ד', דער 'ק' איז מרמז אויף די מאה ברכות און דער 'ה' אז מען זאל לערנען יעדן טאג חמשה חומשי תורה.

דאס איז דער פסוק מרמז דא : "וְהֶאֱמִן בַּה'" - דער 'והאמין' איז א רמז אויף 'אמן' אז אברהם אבינו האט מקפיד געווען אויף אמנ'ס און דורכדעם איז מקויים געווארן דער "וַיַּחְשְׁבֶהָ לּוֹ צְדָקָה" - אז ער האט געקענט משלים זיין די חיובים וואס איז דא אין די ווארט "צדקה".

'נחלת יעקב יהושע' פרשת שמות

### עוון אמן קטופה

**"וְדוֹר רְבִיעִי יָשׁוּבוּ הֵנָּה כִּי לֹא שָׁלֵם עֲוֹן הָאֱמֹרִי עַד הֵנָּה" (טו טז)**

עס איז באקאנט די הלכה (ראה שו"ע או"ח קכד ח ובה"ל שם) אז מען מעג נישט פארפעלן קיין איין אות פון די 'אמן' און אז אויב מען פארפעלט יא איז דער אמן ווי אן אמן קטופה.

א רמז צו די הלכה טרעפט מען דא אין פסוק. די ווערטער :"לֹא שָׁלֵם עֲוֹן" - איז סופי תיבות אמן.

עס קומט אויסצולערנען דעם מענטש אז 'אמן' וואס איז נישט שלם ווערט גערעכענט ווי א זינד פאר דעם מענטש.

'חלק יעקב'

# שערי גן עדן

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא



דער ראש הישיבה רבי ברוך מרדכי אזרחי ביי זיין אויפטריט ביי די כינוס פון 'בני אמונים'.

### רבי ברוך מרדכי אזרחי

#### י"א בחשון תשפ"ד

דער גאון רבי ברוך מרדכי אזרחי זצ"ל איז געבוירן געווארן צו זיין רבי ישראל אין יאר תרפ"ט אין ירושלים עיה"ק. נאך פון זיינע יונגע יארן האט ער גע'שמ'ט מיט זיין התמדה און מיט זיין עילו'אישער קאפ. דער גאון האט גענאסן פון א באזונדערע קירבה ביי דער ראש ישיבת סלאבאדקע רבי יצחק אייזיק שעהר זצ"ל. אזוי אויך האט ער זוכה געווען צו זיין פון די באי ביתו ביים בריסקער רב זצ"ל.

פאר די בר מצוה איז ער אריין לערנען אין די חברונ'ער ישיבה, דארט האט ער זוכה געווען צו לערנען בחברותא מיט דער ראש הישיבה רבי משה חברוני זצ"ל.

אנקומענדיג צו די יארן פון חתונה האבן האט אים דער משגיח הישיבה רבי מאיר חדש גענומען פאר אן איידעם, גלייך נאך די חתונה האט ער אנגעהויבן איבערגעבן שיעורים אין די ישיבה.

אין יאר תשל"ו האט ער אויפגעשטעלט די ישיבה 'עטרת ישראל'. כל ימיו איז ער געשטאנען בראש פון די ישיבה און מרביץ תורה געווען פאר'ן כלל ישראל. אין לויף פון די יארן האט ער זוכה געווען אויפצושטעלן טויזנטע תלמידים, צווישן זיי באקאנטע רבנים און גרויסע ראשי ישיבות ביים כלל ישראל.

דער גאון איז נפטר געווארן יא חשון תשפ"ד, מען האט אים געלייגט אויף די בית החיים אויף הר הזיתים.

זיינע חידושים און די שיעורים איז געדרוקט געווארן אין די ספרים 'ברכת מרדכי' על התורה ועל הש"ס.

### די 'עומק' פון אן אמן

ביי א פלאמפייערדיגע דרשה וואס דער ראש הישיבה האט איבערגעגעבן ביי א כינוס פון 'בני אמונים' דער פארלאפענער חודש אב תשע"ו אין די שטאט בני ברק האט ער - צווישן אנדערע - געזאגט די פאלגענדע ווערטער:

"דער ענטפערן אמן איז א חלק פון דער דאווענען. ווען עס שטייען צען אידן און דאווענען און איינער פון זיי איז דער שליח ציבור און ניין ענטפערן נאך אים 'אמן' איז די תפילה א תפילה בציבור. (זעה שו"ע או"ח קכד ד).

אז מען איז זיך מתבונן אין די ווערטער וואס חז"ל זאגן אונז זעט מען אז עס האט אין זיך א געוואלדיגע טיפקייט. דער רמב"ם אין ברכות [א.יא] פסק'נט אז ווער עס ענטפערט אמן נאך א ברכה איז עס ווי ער אליין האט געמאכט די ברכה. די סיבה דערצו איז ווייל דער אמן געט ארויס די אינהאלט פון דער מברך.

עס איז מהאי טעמא פארוואס עס ווערט גע'פסק'נט אין שלחן ערוך (או"ח רפד ג) אז שבת און יום טוב קען א מענטש משלים זיין די מאה ברכות וואס ער איז חייב מיט דעם וואס ער הערט אויס די ברכה פון די וואס זענען עולה לתורה און מיט די ברכות פון די הפטרה.

עס קומט אויס לויט דעם אז דער 'אמן' איז טאקע א קליינע ווארט אבער עס פארקערפערט אין זיך סיי די הסכמה און סיי די הצטרפות צו די ווערטער פון דער מברך און אויך די אמונה אז די זאך וועט מקויים ווערן און אויך די בטחון און כיסופים אז די זאך זאל מקויים ווערן.